10 געוואָרפֿן, דאך ניש פארלוירן ווערן; תמיד טראָגן
מיר אַרום אין אונזער לייב דאָס שטאַרבן פֿון ישועַ,
כּדי דאָס לעבן פֿון ישועַ זאָל אַנטפּלעקט ווערן אין
11 אונזער גוף. וואָרום מיר, די לעבעדיקע, ווערן צו
יעדער צייט איבערגעגעבן צום טויט צוליב ישוען, כּדי
ישועס לעבן זאָל זיך אַנטפּלעקן אין אונזער שטערב־
12 לעך פֿלייש. אַזוי אַרום ווירקט דער טויט אין
13 אונז, דאָס לעבן אָבער אין אייַך. און האָבנדיק דעם
זעלביקן גייסט פֿון אמונה, לויט וועלכן עס שטייט
געשריבן: איך האָב געגלויבט, דערפֿאַר האָב איך
גערעדט; (תהלים קטז, י) גלויבן מיר אויך, און
14 דעריבער רעדן מיר; ווייסנדיק, אַז דער וועלכער האָט
אויפֿגעוועקט דעם האַר ישוע (פֿון די טויטע), וועט
אונז אויך אויפֿוועקן צוזאַמען מיט ישוען און שטעלן
15 מיט אייַך. וואָרום אַלץ איז פֿאַר אייַערטוועגן,
כּדי דער חסד, וואָס ווערט פֿארגרעסערט דורך אַ סך,
זאָל פֿאַרמערן דעם שבח צום כּבוד פֿון ג־ט.
16 דערפֿאַר פֿאַלן מיר נישט אַראָפּ בײַ זיך; נאָר אויב
אַפֿילו אונזער אויסערלעכער מענטש ווערט פֿאַר־
דאָרבן, ווערט אָבער אונזער אינערלעכער מענטש
17 באַנייט פֿון טאָג צו טאָג. וואָרום אונזער לייכטע
און צייטווייליקע באַדריקונג פֿאַרשאַפֿט אונז,
מער און מער איבער דער מאָס, אַ משא
18 פֿון אייביקן כּבוד; ווייל מיר קוקן נישט אויף די
זאַכן, וואָס מען קען זען, נאָר אויף די, וואָס מען
קען נישט זען; ווייל זאַכן, וואָס מען זעט, זענען
לפֿי שעה, אָבער די זאַכן, וואָס מען זעט נישט, זענען
אייביקע.